בס"ד

# בתכלית הכשרות

גליון י"ז \\ חודש ניסן תשפ"ה

כשר לפסח בהשגחת ועד הכשרות קרית יואל

באַלערנדע ידיעות און אַקטיוויטעטן פון אינערהאַלב די כשרות וועלט



## א סדר אויף פסח

וויכטיגע הוראות און נוצבארע אנווייזונגען
איבער כשרות אום פסח אין יעדן אידישן הויז



# מפתח


פאָרוואָרט 2

אנווייזונגען פאר בדיקת תולעים 5

ראמעין לעטוס (סאלאט) // ציטרוס פרוכט: אראנדזשעס, לעמאן, גרעיפפרוכט // וואלנאטס – Walnuts, מאנדלען, היימישע מאסט)

אייער 6

מעדיצינען און וויטאמינען 7

כללים // Pain Relief Medicine - פאר קינדער // Mel-o // Pain Relief Medicine
chew - פאר ערוואקסענע // Constipation Relief // מאגן ברענען מעדעצין - -Anti
Anti Nausea - acid medication פאר שוואנגערע // Prenatal Vitamins

קטניות פאר קליינע קינדער אום פסח 9

פראדוקטן 9

פאום קאפּס פאום טעללער'ס // הענטשוך – Disposable Gloves // טאוועל פעיפער
- Towel Paper // נעפקינס – Napkins // פאפירענע טעלערס/ גלעזלעך - Paper
Plates/ Cups // פלעסטיק בעג'ס Plastic bags // פאפיר פילטער פאר קאווע // פרעש
ווייפּס - baby wipes // זייף פאר כלים - Dishes Soap - Dishwasher detergent //
ציין שטעכערס – Toothpick

כללים איוף אינגרידיענטס 10

אלקאהאל 10

קאסמעטיקס און רייניגונג מאטריאלן 11

בעיבי לאשען - Baby Lotion // בעיבי אויל – baby oil // בעיבי שפריץ – Baby Spray
// גלאז רייניגער // האר דזשעל Hair gel // הארטע זייף - Soap bar // רינענדיגע זייף
// וואזעלין // הענט סעניטייזער // זייף צו וואשן וועש לאנדרי דיטערדזשענס Detergents
// סטיעל וואל - Steel wool // פלעי דאו - Play dough - פלעי קלעי Clay

קאסמעטיקס און פערסאנעלע קעיר // קריעם פאר די הענט // שעמפאו-// Shampoo
Alcohol swabs // קאנטאקט לענס סילושאן - Contact Lens Solution

הוראות בנוגע פארקויפן חמץ פארן גוי 13

אלקאהאלישע געטראנקען 15

סדר פון כשר'ן לכבוד פסח 16

הוראות לשבת ערב פסח 21

הוראות איוף שמות 22

ועד הכשרות פראדוקטן און געשעפטן 26

נייעס אינערהאלב ועד הכשרות 34



# פארווארט

## א כשר'ן פסח

אין אלע אידישע הייזער טוט זיך הויך "יום טוב"... ביי יעדן איז מען טיף פארזונקען אין די פיבערהאפטיגע הכנות צום הייליגן פסח הבעל"ט, די קשר"ק מיט'ן רייניגן דעם חמץ איז אויפ'ן העכסטן פארנעם שוין לאנגע וואכן

עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פון דעם אר"י הק' אז ווער עס איז נזהר פון א משהו חמץ אינעם יו"ט פסח איז 'מובטח לו' האט ער א פעסטע הבטחה פונעם הייליגן אריז"ל אז ער וועט נישט נכשל ווערן אין קיין עבירה דורכאויס דעם גאנצן יאר, אבער אויף דעם שטעלט זיך די פראגע ווי אזוי קען מען דען זיין פארזיכערט אויף יעדן משהו ברעקעלע חמץ ? און עס איז באקאנט די מימרא פונעם מאור ושמש אז מיט די מענטשליכע כוחות איז טאקע נישט מעגליך אדורך צו גיין א פסח אז א קיין משהו חמץ זאל זיך נישט ערגעץ אריינכאפן חלילה, נאר עס מוז זיין אז פון הימל שיקט מען מלאכים וואס באגלייטן יעדן איד און היטן אז ער זאל נישט נכשל ווערן חס ושלום במשך דעם הייליגן פסח, איז באקאנט די הוספה פון רביה"ק זי"ע זייער טרעפליך אז ווען א איד טוט וואס ער קען און וויפיל נאר מעגליך אין זיינע הענט אכטונג צו געבן אויף יעדן פינטעלע חמץ ווען ער גרייט זיך אויף פסח, וועט ער מיט זיינע מעשים טובים און הארעוואניע באשאפן מלאכים וואס וועלן אים שוין באגלייטן אויף טריט און שריט אז ער זאל חלילה נישט נכשל ווערן און זוכה זיין דעם געוואלדיגן ברכה און הבטחה אויף א גאנצן יאר.

אין 'ועד הכשרות' אפיס הייבט מען שוין אן חדשים פריער זיך צו גרייטן מיט די פסח'דיגע העפטיגע הכנות, ווען אזויפיל דעטאלן, צוגרייטונגען, פלענער, פראדוקטן, ווערן צייטליך אויסגעארבייט און צוגערישט מיט א געוואלדיגן ערנסטקייט ע"פ הוראות הרבנים שליט"א, אז מען זאל קענען אהער שטעלן דעם יו"ט פסח טאקע בתכלית הכשרות, אויף די סטאנדארטן פון אלע אידן חסידים ואנשי מעשה וואס ווילן צוגיין צום פסח אפגעהיטן און כשר בלי שום פשרות, נאר אלעס למהדרין מן המהדרין בסייעתא דשמיא.

לכבוד דעם בעפארשטייענדן פסח תשפ"ה האבן מיר אהערגעשטעלט א ספעציעל נוצבארן פסח'דיג'ע בתכלית הכשרות. אין דעם גליון וועט איר בעז"ה קענען באקומען א ברייטע אריינבליק איבער אלעס וואס

איר דארפט וויסן - און פיל מער - בנוגע די פארצווייגטע כשרות הלכות אום פסח, וואס לויט די כסדר'דיגע אנפראגעס איז מערקבאר אז ס'איז דא גאר א שטארקע פארלאנג פונעם ציבור וואס פרעגן אן נאכאנאנד אין 'ועד הכשרות' אפיס איבער פארשידענע שאלות, וואס דעריבער האבן מיר אהערגעשטעלט דעם ספעציעלן גליון אויסגעשמועסט גאר קלאר און דייטליך אט די וויכטיגע ידיעות.

אין די 'א סדר אויף פסח' אפטיילונג אינעם גליון, וועט איר טרעפן וויכטיגע הוראות און נוצבארע אנווייזונגען איבער כשרות אום פסח אין יעדן אידישן הויז. ספעציעל האבן מיר אהערגעשטעלט א קלארע ליסטע פון מערערע פראדוקטן און זייער סטאטוס לגבי פסח, סיי בנוגע עסן אדער נוצן אום פסח, און עקסטער וואס מען קען יא אדער נישט פארקויפן ביי מכירת חמץ.

ווי אויך וויכטיגע תולעים הוראות וואס איז נוגע ביי פסח'דיגע מאכלים, און קורצע הוראות און פראקטישע אנווייזונגען בנוגע כשר'ן לכבוד פסח. אזוי אויך האבן מיר אראפגעשטעלט א ליסטע פון זיכערע חמץ'דיגע אינגרידיענטס וואס אזוי זאלט איר קענען אליינס באשליסן ביי יעדן פראדוקט וואס איז זיכער דא א חשש חמץ.

אין די נושא פון מעדעצינען און וויטאמינען וואס זייערע אינגרידיענטס זענען זייער קאמפליצירט, האבן מיר געשריבן בעיקר די יסודות'דיגע ידיעות און כללים וואס מיט דעם ווערט געדעקט פילע שאלות, עס איז אבער נישט מעגליך צו שרייבן אלע הלכות פאר אלע מצבים, צוליב וואס זייער אסאך זאכן ווענדן זיך אין די סיבה און מצב פון דעם וואס דארף נעמען די וויטאמין סאפלעמענט, ווי אויך איז דאס זייער אסאך געוואנדן אין די באשטאנדטיילן וועלכע יעדע קאמפאני נוצט אין זייערע פראדוקטן, אזוי ארום אז עס איז נישט מעגליך אלעס ארויסצושרייבן.

און אודאי אז מען פראבירט מיט אלע כוחות צו טון די ריכטיגע פעולות זיך אפצוהיטן פון יעדן משהו חמץ, און צוגיין צום פסח מיט א זהירות און ערנסטקייט, וועט השי"ת העלפן אז מען וועט האבן א לוסטיגן און 'כשר'ן' פסח בתכלית הכשרות, און מיר זאלן טאקע זוכה זיין נאך דעם יאר אז ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים עיה"ק אמן.

**לייכט און האט א כשר'ן פסח!**

## התודה והברכה

באנו בזה להודיע בשער בת רבים את גודל הכרת הטובה אל מע"כ
עסקני ועד הכשרות דקהילתנו הק' במאנטריאל יצ"ו

ובראשם הרה"ג רבי **אפרים זלמן מרגליות** שליט"א

מו"ץ בקהלתינו

הידוע בפעולות הכבירים אשר עושה ומעשה ומזכה את הרבים בידיעות
כשרות הנוגעים לבני ישראל ברוב תבונה וכשרון וכעת עמדו למעננו בעצה
ותושי' לטובת הגליון הנוכחי לסדר הדברים דבר דבר על אופניו, והי' לנו
לאחיעז"ר ולתועלת גדול מן השמים יתברכו עם הצלחה וברכה מרובה
וסייעתא דשמיא בכל אשר יפנו ויצליחו

כעתירת

**ועד הכשרות קרית יואל**



# א "סדר" אויף פסח

## וויכטיגע הוראות און נוצבארע אנווייזונגען איבער כשרות אום פסח אין יעדן אידישן הויז.

## אנווייזונגען פאר בדיקת תולעים

### ראמעין לעטוס (סאלאט)

די לעטוס זענען בדרך כלל אינפעסטירט מיט שרצים און מ׳דארף דאס גרונטליך בודק זיין און גוט רייניגן.

- **גאנצע בלעטער** - וויבאלד מען דארף ע"פ הלכה רייניגן די לעטוס ביז מען איז זיכער אז זיי זענען ממש אינגאנצן ריין פון שרצים, און נאר אזוי איז מותר צו עסן, און עס פאדערט זיך גרויס מומחיות און געוואוינהייט כדי צו באמערקן די שרצים וואס זענען גאר קליין און באהאלטן צווישן קנייטשן, און אויך די קאליר פון דעם בלעטל, דעריבער איז נישט ראטזאם אליינס צו רייניגן די בלעטער מען זאל קויפן נאר פון די היימישע פירמעס מיט זייער א פארלעסליכע השגחה נקי מחשש תולעים.
- **די ווייסע שטעקעלעך** - אויב וויל מען קויפן לעטוס אין געשעפט אן קיין השגחה (אפילו וואס האט תולעים), זאל מען אראפ שניידן די גאנצע פון די גרינע בלעטער ביז עס בלייבט איבער נאר די ווייסע הארטע שטעקל אינמיטן, מען באקוקט עס צי עס איז נישטא קיין שניטן אדער שפאלטן וכדומה, עס איז כדאי מען זאל עס לייגן אין א שיסל זייפיגע וואסער, און דערנאָך עס גוט אפוואשן אונטער א שטראם וואסער (עס איז בעסער צו רייבן מיט א brush אדער sponge כדי צו זיין זיכער אז עס איז טאקע גוט אפגעוואשן); דאן איז דאס אינגאנצן ריין נקי מחשש תולעים, און גרייט צו נוצן פאר מרור.

## ציטרוס פרוכט: אראנדזשעס, לעמאן, גרעיפפרוכט

עס איז קען זיך טרעפן אויף די שאלאכץ שרצים scales, אזוי ווי קליינע גרוי/ברוין פינטלעך, ספעציעל ביי juice oranges וואס עס איז דא מער ווי ביי אראנדזשעס וואס איז געמאכט צו עסן.

מעיקר הדין דארף מען נישט חושש זיין דערויף ווען מען קוועטשט אויס אראנדזש דזשוס ווייל די שרצים קומען געווענליך נישט אראפ ביים מאכן די דזשוס. (ווי אויך נאך ספיקות ע"פ הלכה)

עס איז דא וואס זענען מחמיר אז פארן צושניידן, זאל מען אפרייבן די אראנדזש אונטער א שטראם וואסער מיט א 'בראש' אדער 'סטילוואל'.

א גאנץ יאר אויב מען וויל נוצן לעמאן שאלעכטס ביים באקן (צ.ב.ש. פאר א קריעם), איז כדאי אז מען זאל דאס קודם באקוקן פון סקעילס, אויב זעט מען א ברוינע פינטל זאל מען עס אראפנעמען.

מען מעג לייגן אראנדזשעס נעבן אנדערע פירות, די שרצים וועלן נישט ארויפגיין אויף די אנדערע פירות אדער פיש.

## וואלנאטס - Walnuts

בדרך כלל איז עס ריין פון ווערים.

עס איז הידור צו באקוקן עטליכע ניס, ווייל עס קען זיך מאכן ווערעמיגע לאטס. אויב ביים עפענען באמערקט מען אויף איינס אדער צוויי ניסלעך א ווארים, אדער ווייסע שרצים ווי מילבן, און/אדער געוועבעכץ, ווארפט מען אוועק ווארפן די ניסל.

אויב טרעפט מען דריי ווערעמיגע ניסלעך, דארף מען בודק זיין יעדע איינע.

צומאלענע ניס דארף מען נישט באקוקן, אויב מען זעט א געוועבעכטס זאל מען נישט נוצן דעם פעקל.

**באמערקונג:** די ווערים זענען לייכט צו באמערקן, דאס וואס מ'זעט פיל מאל צוברעקלטע ניס איז נישט קיין ווערים.

## מאנדלען

די זעלבע הוראות ווי ביי וואלנאטס.

אויך קען זיך מאכן א לאך (אזוי ווי א דריל) דאן זאל מען נישט נוצן דעם מאנדל.

אויב ס'איז דא אסאך לעכעריגע זאל מען נישט נוצן דעם פעקל.

## היימישע מאסט

מדקדקים פירן זיך צו דורכזייען די מאסט מיט א גאר קליינע זייער שמאטע. עס איז דא צו קויפן א ספעציעלן פראקטישער מאסט זייער מיט א הכשר אז עס לאזט נישט דורך קיין ווערים.



# אייער

ע"פ הלכה מעג מען קויפן אין יעדן געשעפט אייער וואס קוקט אויס ווי די געווענליכע אייער

אויך אויף פסח קען מען קויפן די געווענליכע אייער אזוי ווי א גאנץ יאר.

פאר מדקדקים איז דא צו באקומען אין די 'ריפרעש' געשעפט אייער געפאקט מיט די הכשר פון ועד הכשרות כשר לפסח, עס ווערט געוואשן און געפאקט מיט א משגיח תמידי און נאך חומרות און הידורים ספעציעל אויף פסח.

ברוינע אייער זענען כשר, אבער עס איז וויכטיג אינאכט צו נעמען אז די ברוינע אייער האבן גאר אסאך קליינע בליץ טראפן און מען דארף זייער אכטונג געבןביים עפענען. ווי אויך צו קאכן קען זיין א שאלה.

לעצטנס איז אריינגעקומען אסאך אנפראגעס איבער אייער וואס זענען אויס רינדעכיג פוןביידע זייטן (נישט שפיציג פון איין זייט, ווי געווענליך) ע"פ הלכה מעג מען זיי נוצן ווילאנג עס איז נישט געגנצליך רינדעכיג, אפילו נאר עטוואס מער שפיציג אויף איין זייט.

## מעדעצינען און וויטעמינען

### כללים

- **חמץ איז אסור אום פסח, חוץ פאר א ריכטיגע חולה שיש בו סכנה ע"פ פסק פון א מורה הוראה.**
- **קטניות איז מותר ווען ס'איז וויכטיג און מ'איז אין גדר פון א חולה, אדער קליינע קינדער וואס האבן א דין אזוי ווי חולה.**
- **אויב מ'איז נישט ממש קיין חולה, נאר מען שפירט אביסל נישט גוט דארף מען פרעגן א שאלה, אפילו ביי זאכן וואס האבן נישט קיין גוטן טעם.**
- **מעדעצינען** - אלע סארטן וואס האבן נישט קיין גוטן טעם, און מען נעמט זיי לויט די אנווייזונגען פון א דאקטער, prescribed medicine און קען ברענגען די מינדעסטע חשש סכנה (למשל פאר די הארץ, בלוט פרעשור, סטרעפ, נעמאוניע, נפשיות געזונט, א.ד.ג.) זאל מען ווייטער נעמען און אפילו נישט פרעגן קיין שאלה.
- אויב די מעדעצין האט יא א גוטן טעם (למשל זיסע 'טשועבל' טאבלעטן אדער רינענדיגע מיט א פלעיוואר) זאל מען פרעגן א שאלה בעפאר פסח וויאזוי דאס צו מסדר זיין. (מען זאל זיך נישט צוריקהאלטן פון דאס נוצן נישט צוציקומען צו קיין סכנה ח"ו)
- **וויטעמינען** - האבן כמעט אלע קטניות, און טיילמאל אויך חמץ, דעריבער זאל מען לכתחילה נוצן נאר די וואס זענען כשר לפסח

- אויב ס'איז נישט כשר לפסח און מען מוז עס נישט נעמען וויכטיג, זאל מען זיך צוריק האלטן פון נוצן.
- אויב ס'איז וויכטיג קען מען מקיל זיין, אבער מען דארף וויסן אויב ס'איז בלויז געמאכט פון קטניות, דעריבער זאל מען פרעגן א מומחה, און זיך נישט פארלאזן אויף די אינגרידיענטס לעיבל ווייל מען דארף זיך אויסקענען מיט די דעטאלן פון די באשטאנדטיילן, און געוויסע קענען זיין חמץ.
- פון די היימישע וויטאמין פירמעס איז דא ליסטעס פון פראדוקטן וועלכע האבן זיכער נישט קיין חמץ.

### Pain Relief Medicine - פאר קינדער

פאלגענד איז א ליסטע פון **מעדעצינען פאר קינדער**, און וויבאלד זיי האבן א דין ווי א חולה, איז די הלכה ווי פאלגענד:

- אין אלגעמיין האבן די קינדער מעדעצינען א גוטן טעם, דעריבער זאל מען נוצן לכתחילה די וואס האבן א הכשר כשר לפסח צ.ב.ש. פון די קאמפאני Adwee.
- די פון די קאמפאני Kosher Meds אדער Motrin אדער Tylenol אדער Camber האט

- נישט קיין חמץ (נאר קטניות) און מען קען עס נוצן.
- אין פאל עס איז א צורך צו נוצן א אנדערע פירמע זאל מען פרעגן א שאלה.
- **Chewable tablets:** בדרך כלל קען מען עס נישט נוצן צוליב חשש חמץ, אין פאל עס איז זייער וויכטיג זאל מען פרעגן א שאלה.
- **Mel-O-Chew:** זענען נאר קטניות און פאר קינדער לעת הצורך קען מען מקיל זיין.

## - Pain Relief Medicine
## פאר ערוואקסענע

- איז ע"פ רוב קטניות, און קען אויך זיין א חשש חמץ.
- לכתחילה זאל מען נוצן מיט א הכשר כשר לפסח, עס איז דא פון די פירמע Adwee.
- אויב מען פילט נישט גוט, מעג מען נעמען די געוועגליכע (ביטערע) טאבלעטן פון Tylenol און Advil/ Motrin, און Aspirin וואס האבן נישט קיין גוטן טעם.
- פאר שוואכע ווייטאג זאל מען לכתחילה נוצן נאר וואס מען ווייסט אז עס פארמאגט נישט קיין חשש חמץ.
- אין פאל פון א צורך און מ'קען נישט באקומען די דערמאנטע זאל מען פרעגן א שאלה.
- Gelcaps זענען טריפה.

## Constipation Relief

- די פאלגענדע פראדוקטן קען מען נוצן קעגן עצירות 'קאנסטיפעישאן':
- לכתחילה זאל מען נוצן די וואס זענען כשר לפסח.
- מקען אויך נוצן פון די היימישע וויטאמין פירמעס וואס שרייבן אז סאיז נישט קיין חמץ
- מען מעג אויך נוצן די - MiraLAX / Restoralax וואס האט נישט קיין חשש אויף א גאנץ יאר און אויף פסח
- אויב מען האט שטארקע ווייטאגן קען מען מקיל זיין צו נוצן די וואס האבן נישט קיין חמץ גמור, Meta Mucil (די אריגינעלע אן א פלעיווער), אדער Lax A Fiber. אויך קען מען נוצן Senokot די טאבלעטן וואס זענען געמאכט צו שלונגען.
- Benefiber: קען זיין א שאלה פון חמץ, אויב מ'דארף עס נוצן זאל מען פרעגן א שאלה.

## Anti-acid medication
## מאגן ברענען מעדעצין

- לכתחילה זאל מען נוצן וואס איז כשר לפסח - עס איז דא פון די פירמע Adwee
- אויך די היימישע וויטאמין פירמעס (Maxi- Freeda -Zahler's -Health) האבן פראדוקטן וואס האבן נישט קיין חשש חמץ.
- אדער קען מען נוצן Alka-Seltzer (קטניות).
- Tums: אין פאל מען האט שטארקע ווייטאג און מען דארף צוקומען צו דעם זאל מען פרעגן א שאלה.

## פאר Anti Nausea
## שווינדלען

- Dramamine דרעמעמיין
- די פאר קינדער Dramamine Motion Sickness Chewable For Kids - קען מען נוצן.
- די פאר ערוואקסענע איז קטניות.
- אלע אנדערע סארטן האבן חששות מען זאל עס נישט נוצן.

## Prenatal Vitamins

וויבאלד עס איז וויכטיג צו נעמען, קען מען נעמען די וואס האבן א הכשר אז ס'האט נישט קיין חמץ אפילו עס האט קטניות.

פון אנדערע פירמעס זאל מען פרעגן א שאלה.

# קטניות פאר קליינע קינדער אין פסח

**כלל:** קליינע קינדער וואס זיי עסן געווענליך מאכלים מיט קטניות (למשל בעיבי פארמולע) און זיי מוזן האבן זייערע עסן, איז דער מנהג לקולא, און מען מעג זיי געבן קטניות צו עסן.

- אין פאל מען דארף געבן פאר א קינד צו עסן א סיריעל אדער א געטראנק פון קטניות דארף מען מברר זיין אויב עס איז נישט דא דערויף אויך א חשש חמץ. ווייל אין אסאך פעלער ווערט עס געקאכט אין די זעלבע כלים ווי חמץ אדער מען נוצט חמץ'דיגע ענזייעמס און עס שטייט נישט אויף די אינגרידיענטס.
- מען זאל זען צו נוצן לכתחילה די פארמולע וואס שטייט 'כשר לפסח קטניות' מיט א הכשר.
- מען זאל אבער אכט געבן עס זאל נישט קומען אין בארירונג מיט די פסח כלים, אדער פסח'דיגע סינק וכדומה.
- אויב מען קען נישט נוצן די כשר לפסח צוליב א סיבה, דארף מען פרעגן א שאלה זיכער צו מאכן אז ס'האט נישט קיין חמץ.

# פראדוקטן

### פאום קאפס פאום טעללער'ס

האט נישט קיין חשש חמץ אויף פסח.

### Disposable Gloves – הענטשוך

קען מען נוצן נאר די וואס זענען Powder free.

### Towel Paper - טאועל פעיפער

פילע ענטהאלטן אין זיך corn starch (קטניות) דעריבער קען מען עס נישט נוצן מיט 'הייסע' אדער 'נאסע' עסן, ממילא די וואס מען נוצט פאר עסנווארג זאל מען קויפן מיט א הכשר כשר לפסח, (מען קען זיך נישט פארלאזן אז מען וועט עס נאר נוצן פאר קאלט און טרוקן, ווייל עס מאכט זיך כסדר אז מען נוצט עס בטעות פאר הייסע/נאסע עסן).

סתם צו אפווישן די הענט אדער די פלאר וכדומה קען מען נוצן פון אנדערע פירמעס אן א הכשר.

### Napkins – נעפקינס

פאר עסנווארג זאל מען נוצן די וואס זענען כשר לפסח, ווייל פילע ענטהאלטן אין זיך corn starch (קטניות).

פאר אנדערע געברויכן, ווי אפווישן די הענט וכדומה, קען מען נוצן אן א הכשר.

### פאפירענע טעלערס/ גלעזלעך - Paper Plates/ Cups

פילע ענטהאלטן אין זיך corn starch (קטניות

דעריבער זאל מען עס קויפן מיט א הכשר כשר לפסח.

### פלעסטיק בעג׳ס Plastic bags

אלע סארטן דארפן נישט קיין הכשר.

### פאפיר פילטער פאר קאווע

פשוט׳ע פאפירענע פילטער׳ס (און א פלעיוואר) קען מען נוצן אפילו ס׳שטייט נישט כשר לפסח.

### פרעש ווייפס - baby wipes

די וואס האבן נישט קיין אלקאהל קען מען נוצן

### זייף פאר כלים -- Dishes Soap Dishwasher detergent

ס׳איז דא עטליכע פירמעס וואס האבן כשר לפסח, מען זאל נוצן די סארטן.

נעמט אין אכט אז ס׳איז דא פירמעס וואס האבן א הכשר אבער נישט ׳כשר לפסח׳, און מען זאל אכטונג געבן ביים קויפן וואס מען נעמט.

### ציין שטעכערס – Toothpick

די וואס האבן נישט קיין פלעיוואר, דארף נישט א הכשר.

די וואס האבן יא מיט א פלעיוואר דארף א הכשר אויך א גאנץ יאר.

## כללים אויף אינגרידיענטס

עס איז אנגענומען אז מען איז מדקדק נישט צו נוצן אין פסח קיין שום זאך וואס האט אין זיך סיי וועלכע אינגרידיענטס וואס קענען זיין געמאכט פון חמץ, אפילו נאר א ספק, און אפילו ווען עס איז ׳נפסל מאכילת כלב׳

ווען מען האט א שאלה אויף סיי וועלכע פראדוקט וואס מען וויל נוצן אום פסח קען מען

זייער אסאך פעלער אליינס זען וואס מען קען זיכער נישט נוצן, דורך ליינען די אינגרידיענטס, און מען זעט אויב ס׳איז דא זאכן וואס קענען האבן אין זיך א חשש חמץ, ווי פאלגענד:

Wheat, Barley, Oats, Rye, Spelt, Avena Sativa, Vulgare, Maltodextrin, Dextrose, Sorbitol, Mannitol ,Starch.

## אלקאהאל

די כלל איז אויב מען זעט אין סיי וועלכע פראדוקט אויפ׳ן לעיבל דיווארט ׳אלקאהאל׳ זאל מען וויסן אז עס זענען פארהאן צוויי סארטן אלקאהאל, איינס איז מעגליך

ס׳זאל זיין חמץ, און די אנדערע קען נישט זיין חמץ.

די פאלגענדע 6 סארטן אלקאהאל איז דא א מעגליכקייט אז עס איז חמץ:

Ethyl Alcohol. Ethanol Alcohol. Denatured Alcohol. Denat Alcohol. SD Alcohol. SDA Alcohol.

די פאלגענדע 6 סארטן אלקאהאל זענען בכלל נישט געמאכט פון תבואה אדער סטארטש און

קענען נישט זיין קיין חמץ:

Benzyl Alcohol. Cetyl Alcohol. Isopropyl Alcohol. Methanol. Stearyl Alcohol. Cetearyl Alcohol

# קאסמעטיקס און רייניגונג מאטריאלן

### בעיבי לאשען" - Baby Lotion"

מען קען ניצן פון די קאמפאני Johnson's & Johnson's (אויסער די ווארילע/אוטמיעל)

אויך קען מען נוצן אלע וואס עס שטייט נישט אין די אינגרידיענטס די סארט אלקאהאל וואס קען זיין חמץ (ווי פריער אויסגערעכנט).

פון די קאמפעני Aveeno איז געווענליך חמץ (עס ענטהאלט געווענליך Avena Sativa (Oat) Kernel Flour).

### בעיבי אויל – Baby oil

דארף נישט א הכשר.

### בעיבי שפריץ – Baby Spray

פון די קאמפעני SLEEK Sensations איז נישט קיין חמץ.

אויך קען מען נוצן אלע וואס ס'שטייט נישט אויף די אינגרידיענטס די סארט אלקאהאל וואס קען זיין חמץ.

### גלאז רייניגער

Windex: האט נישט קיין חשש חמץ.

### האר דזשעל Hair gel

פון די קאמפאני Dipitty-do.

די Gel וואס קומט אין א באטל און מ'קוועטשט עס ארויס: האט נישט קיין חמץ.

די Gel וואס קומט אין א באטל און ווערט גענוצט אזוי ווי א spray: האט אין זיך אינגרידיענטס פון חמץ.

פון אנדערע קאמפאניס: זאל מען באקוקן אויב עס איז נישט פאראן איינע פון די אויבנדערמאנטע אינגרידיענטס וואס קענען זיין חמץ.

### הארטע זייף - Soap bar

מען קען נוצן פון די קאמפאני - Dial - Olay - Ivory.

Dove איז דא עטליכע סארט וואס האבן אין זיך אויטס - אלע אנדערע קען מען נוצן.

אויך קען מען נוצן אלע וואס עס שטייט נישט אין די אינגרידיענטס די סארט אלקאהאל וואס קען זיין חמץ.

### רינענדיגע זייף

מען קען נוצן פון די קאמפאני - Jo Malone Soft soap,

Dial - קען מען נוצן, חוץ איינס וואס האט אויטמיעל.

Dove - איז דא עטליכע סארט וואס האבן אין זיך אויטס - אלע אנדערע קען מען נוצן.

אויך מען קען נוצן אלע וואס עס שטייט נישט אין די אינגרידיענטס די סארט אלקאהאל וואס קען זיין חמץ.

**אכטונג:**

**עס איז דא פארשידענע זייפן וואס האבן אין זיך אויטס Oats מען זאל איבערקוקן די אינגרידיענטס.**

## וואזעלין

די פירמע vaseline וואס שטייט 100% פעטראליום קען מען אויך נוצן.

Vaseline Intensive Care Dry Skin Repair Lotion - איז חמץ.

## הענט סעניטייזער

סאיז דא צו באקומען כשר לפסח

די וואס זענען נישט כשר לפסח קען מען נוצן נאר אויב ס'האט נישט קיין אויטס, מען זאל אפוואשן די הענט נאכן נוצן.

## זייף צו וואשן וועש לאנדרי Detergents דיטערדשנס

דארף נישט קיין הכשר.

## Steel wool - סטיעל וואל

די וואס האבן נישט קיין צוגעלייגטע זייף דארפן נישט קיין הכשר.

## Play dough - פלעי דאו Clay - קלעי -

קען זיין חמץ, בעסער מ'זאל עס פארקויפן.

## קאסמעטיקס און פערסאנעל קעיר

עס איז דא צו באקומען כשר לפסח, אדער וואס מען האט מברר געווען אז ס'האט נישט קיין שאלה אויף פסח

די אנדערע סארטן דארף מען וויסן אז ס'האט נישט קיין חמץ'דיגע אינגרידיענטס

## קריעם פאר די הענט

עס איז דא צו באקומען כשר לפסח

מען קען נוצן פון די קאמפאני Neutrogena און אויך די קאמפעני Renew.

די אנדערע סארטן דארף מען וויסן אז ס'האט נישט קיין חמץ'דיגע אינגרידיענטס

די פון די קאמפעני Aveeno ענטהאלט אין זיך אינגרידיענטס פון Oat וואס איז חמץ.

## Shampoo-שעמפאו

עס איז דא צו באקומען כשר לפסח

מען קען נוצן פון די קאמפאניס: Pert, Head & shoulders, Pantene.

די אנדערע סארטן דארף מען וויסן אז ס'האט נישט קיין חמץ'דיגע אינגרידיענטס

## Alcohol swabs

וואס מען נוצט פאר א בלוט טעסט וכדומה, מעג מען נוצן.

## קאנטאקט לענס סילושאן - Contact Lens Solution

האט נישט קיין חשש חמץ.

הוראות בנוגע

# פארקויפן חמץ
## פארן גוי



כידוע איז דער אנגענומענער מנהג ביי אונז מדור דור אז פריוואטע מענטשן פארקויפן נישט קיין חמץ פאר'ן גוי אויף פסח

דער מנהג איז סיי ביי חמץ ממש און סיי ביי זאכן וואס ליגט דעראין אריין געמישט חמץ ממש

עס זענען דא וואס זענען יא מקיל צו פארקויפן א זאך וואס עס איז נאר אריין געמישט דערין אביסל חמץ, אבער די זאך אליין איז נישט חמץ

א זאך וואס איז נאר א ספק חמץ קען מען יא פארקויפן

עס איז שטארק ראטזאם: אלע סארטן מאכלים וואס זענען 'נישט חמץ' אבער אויך נישט 'כשר לפסח' , און אודאי אויב מען האט מאכלים וואס זענען געקאכט אין חמץ'דיגע כלים, זאל מען פארקויפן אין חמץ

די מאכלים וואס מען וויל פארקויפן אין פרידזשידער און פריזער, מוז מען גוט ווערקפאקן / פארקלעבן מיט א קלארע אנגעצייכנטע סימן אז מען זאל זיך נישט טועה זיין מיט פסח'דיגע מאכלים ח"ו (אזוי טוט מען פארמיידן בעזהשי"ת פון א מכשול אויב מ'האט בטעות פארזען א חמצ'דיגע אינגרידיענט).

## מאכלים וואס זענען חמץ גמור

**לויט ווי עס איז די מנהג אז מען פארקויפט נישט קיין חמץ גמור זאל מען די פאלגענדע זאכן נישט פארקויפן**

- אוטס/אויטמיעל
- פארינא
- א אפענע פעקל מעל
- סופער סנעקן/ביסלי
- געוויסע אייזקרים'ס (די וואס ענטהאלטן אין זיך קיכלעך)
- געפילטע פיש (אויב סהאט ברעיזל)

- גראנאלע
- טשיריאוס/טאויסטעד אויטס
- טשאקאלאד וואס האט אין זיך חמץ גמור
- אלע נאש וואס איז א מזונות

- פאלאפעל מיקס (ענטהאלט מעהל)
- ברען פלעקס (סירייעל)
- וויעט סקווער׳ס (סירייעל)
- Brewer's Yeast

# מאכלים וואס האבן א חשש חמץ
## אדער אריינגעמישט דערין נאר גאר ווייניג חמץ
# און מען עס דארף פארקויפן

אפילו ווער עס פארקויפט נישט קיין חמץ גמור, מעג די זאכן פארקויפן, ווייל עס איז געווענליך קטניות אבער מיט א מעגליכקייט אז עס איז יא חמץ

- עסיג - Vinegar (עסיג איז געווענליך קטניות אבער א קליינע מעגליכקייט אז עס איז חמץ),
- אלע סארטן מאכלים וואס ס׳ווערט אריינגעמישט עסיג
- אלע סארטן דרעסינגס (עסיג)
- אליווס Olives
- כריין (עסיג)
- מאיינעיז (עסיג)
- סאור פיקעלס (עסיג)
- קעטשאפ (עסיג)
- סאלאמי (ספייסעס)
- זאלץ (איז דא א מעגליכקייט אז ס׳זאל זיין אריינגעמישט קטניות)
- פודינג
- דזשעלו
- קארן פלעקס

- רייז קריספיס
- Sugar Substitute פאלשע צוקער אלע סארטן, אזוי ווי Splenda - Equal - Sweet N Low Maltitol - Erythritol- Sorbitol- Xylitol א.א.וו.
- קענדיס/דזשעלים (געווענליך נישט חמץ אבער א ווייטע חשש אויף די צוקער אדער פלעיווארס)
- סאפלעמענטס און וויטאמינס
- צוגעמאכטע פעקל מעל
- ייסט Yeast די פרישע און די טרוקענע Dry Yeast
- אפענע פעקלעך בונדלעך, געעפנטע קריעם טשיז, געעפנטע פוטער, געעפנטע סאור קריעם, געעפנטע פינאט באטער, געעפנטע פאטעיטא טשיפס, א.ד.ג., פירות און ירקות וואס קענען נאך זיין גוט ביז נאך פסח.
- די בעסטע אופן איז צו פארקויפן דעם שענקל מיט אלע פראדוקטן און מ׳פארקלעבט עס אינאיינעם וואס ליגן דארט

# מאכלים וואס זענען זיכער נישט חמץ און מען מעג עס האלטן אין שטוב

עס איז בעסער צו פארקויפן ווייל אפשר איז געווארן אנגעקלעבט א ברעקל חמץ

- געפרוירענע וועדזשטעבל זופ
- בונדלעך
- פינאט באטער

- רייז
- Peas פיעס
- Quinoa (קטניות)
- רייז קעיקס וואס ענטהאלט נאר רייז - נישט קיין אויטס, ספעלט.

# אלקאהאלישע געטראנקען

### ברוינפן וואס זענען יא חמץ

- אלע סארטן Whiskey וויסקי
- אלע סארטן Bourbon
- וואדקע וואס שטייט אז ס׳איז געמאכט פון ווייץ Wheat
- Walders Creamy Liqueur מיט די הכשר פון ׳מחזיקי הדת מאנטשעסטער׳, אלע סארטן זענען חמץ גמור.
- Liqueur Schmerling (טשאקאלאד א.א.וו.) אלע סארטן זענען א ׳ספק חמץ׳
- Zyr Vodka (מיט א היימישע הכשר)
- וואדקע- ווען סשטייט בלויז Grain קען עס זיין פון חמץ אדער קארן

### לגבי פארקויפן ברוינפן וואס זענען

**חמץ גמור:** עס זענען דא וואס פירן זיך נישט צו פארקויפן קיין שום חמץ׳דיגע ברויפן. מען זאל איבערשמועסן מיט׳ן דיין ביי יעדן פאל וואס מען האט חמץ גמור ברוינפן וואס מען וויל פארקויפן.

### ברוינפן וואס זענען <u>נישט</u> קיין חמץ (נאר קטניות)

- Stropkov Vodka
- Old Williamsburg Vodka **אכטונג!** נאר די ׳וואדקע׳ איז נישט חמץ די ׳בורבען׳ איז יא חמץ
- Kalev Corn Whiskey
- Spirit Of Solomon (חוץ די וואס שטייט כשר לפסח).
- Slivovitz - שליבוביץ איז געווענליך נישט חמץ.
- Cognac - קאניאק איז נישט חמץ.
- Tequila - טעקילא אלע סארטן זענען נישט חמץ.

### עס איז בעסער מען זאל אלע ברוינפן פארקויפן אין חמץ

(כאטש עפ״י הלכה מעג מען האלטן קטניות אין שטוב, אבער צומאל קען זיין אנגעקלעבט א ברעקל חמץ, אדער קען מען מאכן א טעות און פארמישן מיט א אנדערע וואס איז יא חמץ).



# סדר פון כשר׳ן לכבוד פסח

ביי יעדן פאל ווען מ׳כשר׳ט מיט וואסער, איז גאר וויכטיג אז מען זאל מאכן זיכער דריי פאקטן; ערשטנס דארף די כלי זיין גענצליך ריין, (אויף פון ראסט אדער פעינט אויך מוז עס זיין ׳אינו בן יומו׳ ד.מ. מען האט נישט גענוצט 24 שעה די כלי מיט קיין שום זאך וואס איז הייס, און דערנאך זאל מען זיכער מאכן אז דאס איז אינגאנצן טרוקן.

די סינק און קאונטער׳ס כשר׳ט מען דורכ׳ן ארויפגיסן קאכעדיגע וואסער פון א כלי ראשון, און אויך לייגט מען אונטער בשעת מ׳גיסט די וואסער א שטיין וואס איז גליעדיג הייס פון פייער, עס איז היינט דא צו קויפן די ספעציעלע שטיינער געמאכט פאר׳ן כשר׳ן, מען הייבט אן ביי די נידריגסטע פלאץ - וואס דאס איז די ׳דרעין׳ אינעם סינק, און מען גיסט ארום דעם אונטערשטן חלק פונעם סינק, און פון דארט צו די ווענט, און דעם קראן די ׳פאוסעט׳, און דערנאך אלע קאונטער׳ס.

ווען מען כשר׳ט דעם קראן פונעם סינק זאל מען לאזן רינען די הייס וואסער פונעם סינק בשעת׳ן כשר׳ן, מען זאל לייגן דעם שטיין אויף דעם קראן פון אויבן און פון אונטן, און אזוי באגיסן מיט די קאכעדיגע וואסער. די זייער פונעם קראן קען מען נישט כשר׳ן, מען זאל דאס איינטוישן אויף א פסח׳דיגע.

אויפן ׳בעקספלעש׳ וואו די טעפ רירן צו, קען מען שפריצן הייסע וואסער און עס ווערט גע׳כשר׳ט מיט א עירוי. אדער איז די פשוט׳ע עצה אז דארט ווי מען גייט נוצן פאר הייסע מאכלים (לייגן א קראק-פאט אדער האט-פלעיט וכדומה) קען מען עס גוט איבערדעקן מיט דיקע זילבער פאפיר.

אונטער די קעבינעט׳ס ווענדט זיך אין געוויסע פרטים אין דעם אויסשטעל פון די קאך, מען קען כשר׳ן דורך זיעה, דאס הייסט מען קען מען כשר׳ן מיט ׳פארע׳ וויבאלד די בליעות זענען אריין נאר דורך ׳פארע׳, מען קען לאזן באבלען די קליינע טשייניקס פאר עטליכע מינוט אונטערן קעבינעט, די גרינגסטע איז אז מען קען גוט איבערדעקן מיט זילבער פאפיר.

דעם טיש כשר'ט מען אויך מיט קאכעדיגע וואסער, עס זענען דא וואס זאגן אז מען דארף נישט קיין גליעדיגע שטיין ביי א טיש אדער קאונטער וואס מען כשר'ט אויף פסח, וויבאלד מען דעקט עס סיי ווי צו מיט א דיקן איבערדעק.

ווען מען ענדיגט גיסן די קאכעדיגע וואסער גיסט מען תיכף ארויף קאלטע וואסער, עס זאל נישט צוריק איינזאפן קיין 'בליעות' פון די כשר'ן וואסער.

דער מנהג איז -אפילו מען כשר'ט- אז מען דעקט צו די קאונטער'ס, טיש און סינקס מיט א צודעק. מען זאל זיכער מאכן אז עס זאל זיין גוט באפעסטיגט עס זאל זיך נישט אוועקריקן אינמיטן פסח.

די 'הוד' העכערן חמצ'דיגן אויוון איז שווער צו רייניגן און כשר'ן, דעריבער דארף מען דאס גוט צודעקן ארום און ארום מיט עטליכע שיכטן דיקע זילבער פעיפער.

כלים וואס מען וויל כשר'ן, טונקט מען דאס איין אין א טאפ קאכעדיגע וואסער. מען קען איינטונקען א חלק אויפאמאל, עס מוז נישט זיין די גאנצע אויפאמאל. נאר ביי טבילת כלים דארף מען טובל'ן די גאנצע כלי אויפאמאל אבער נישט ביים כשר'ן. און מען זאל זיכער מאכן אז די וואסער קומט אן איבעראל. דערנאך שווענקט מען עס אפ מיט קאלטע וואסער. ווען מען כשר'ט אסאך כלים דארף מען ספעציעל אכטונג געבן אז די וואסער בלייבט באבלען דער גאנצער צייט, נאך וואס צוליב די קאלטע כלים וואס גייען אריין אינעם וואסער פארלירט דאס כסדר פונעם באבעלדיגן היץ וואס פעלט זיך אויס צו כשר'ן.

KJ Kosher

Kiryas Joel Kashrus Division

ועד הכשרות

דקרית יואל

בס"ד

## מודעה משמחת

מיר טוען מעלדן אז לטובת הציבור המדקדקים
בכשרות נעמען מיר אן צו כשר'ן נישט כשר'ע
קיטשענ'ס אין פריוואטע הייזער.

**ווי אויך יעצט פאר פסח נעמען**

**מיר אן צו כשר'ן אייער חמץ'יגע קאך**

פאראינטערעסירטע קענען רופן אין אפיס

פונעם ועד

ביטע אריינרופן עטליכע טעג פאר איר ווילט כשר'ן

845-774-4040EXT 108

און לאזט א מעסידזש.

בכבוד רב

ועד הכשרות קרית יואל

KIRYAS JOEL KJK KASHRUS DIVISION

# 'ועד הכשרות' לעבעדיג'ע סעלמאן פיש

דאס יאר איז ווידער אהערגעשטעלט געווארן א ספעציעלן כשר לפסח פראדוקציע, פון די גאר מהודר'דיגע 'ועד הכשרות' לעבעדיגע סעלמאן פיש, מיט אלע חומרות און הידורים ספעציעל פארן ציבור המדקדקים בכשרות.

די פראדוקציע ווערט באגלייט דורך א היימישער משגיח תמידי אויפן פלאץ, וואס באאבאכט דעם גאנצן פראצעדור פונעם ארויס נעמען לעבעדיג פונעם וואסער ביזן פארפאקונג אינעם באקס פארזיגלט מיטן 'ועד הכשרות' חותם.

און ווען איר באשטעלט אייער פיש ארדער קענט איר פארלאנגען צו באקומען פון דעם ספעציעלן 'ועד הכשרות' פראדוקציע

# באלעבאסטע

כשר לפסח
בהשגחת
ועד הכשרות קרית יואל



ארגאנישע
צוקער



צעריבענע
קאקאנאט



קאקאנאט
מעל



מאנדל
מעל



גאנצע אלספייס



גאנצע ווייסע
פעפער



גאנצע שווארצע
פעפער



וואלנאט
96oz אויל



וואלנאט
56oz אויל

# אכשר'ן פסח


קארטאפל
מעהל


זאלץ
כשר לפסח


צוקער
כשר לפסח


צוקער
כשר לפסח


ארגאניק צוקער
כשר לפסח


צעשניטענע
מאנדלען


צעמאלענע
מאנדלען


צעהאקטע
פילבערט


צימערינג
שטעקלעך


צימערינג
שטויב


צעהאקטע
וואל-ניס


געמאלענע
פילבערט


געמאלענע
וואל-ניס


געשפליטערטע
מאנדלען


צעהאקטע
מאנדלען



# פראקטישע עצות

## צו פארגרינגערן דאס כשר׳ן

נאכ׳ן רייניגן די קאך זאל מען פארמאכן די הייסע וואסער אונטערן סינק, און מען קען איבערדעקן די גאנצע קאונטער מיט פלעסטיק, אדער אריינלייגן א צעטל אינעם סינק און אויפ׳ן קאונטער אז מען זאל נישט לייגן קיין שום הייסע עסנווארג, כדי צו פארשפארן טעותים און שאלות אויב א קינד פארגעסט און גיסט בטעות ארויף א הייסע חמץ מאכל אין די 42 שעה ביז מען כשר׳ט.

עס איז דא וואס נוצן די כלים פון ׳נר מצוה׳ אויפצוקאכן די וואסער, אבער אויב מען וויל איז זייער פראקטיש צו נוצן די קלענערע סארטן טשייניק וואס מען פלאגט אריין, עס האלט כמעט צוויי ליטער, מען קען נוצן 2-3 טשייניק׳ס, און עס קאכט זייער שנעל און שטארק, און איז גאר פראקטיש ביים גיסן.

ביי די לעדלעך, בפרט די וואס האבן לעדלעך וואס זענען נישט פעסט פארמאכט, און די כשר׳ן וואסער רינט אריין אינעם לעדל, קען מען נעמען א האנטוך און איינבייגן אביסל אויף די לענג, און ארויפלייגן דעם האנטוך אויפ׳ן לענג פון די לעדל ביים עפענונג, און דאס וועט צוריק האלטן דאס וואסער וואס רינט אראפ פונעם קאונטער.

די זעלבע ביי א טירל וואס איז לויז, למשל אונטער א סינק, אדער ביים ווינקל וואס האט א צוויי פאכיגע טיר׳ל, קען מען אריינלייגן אינעווייניג אויסגעשפרייט א האנטוך און דאס וועט איינזאפן די וואסער.

ווער עס נוצט א שטיין צום כשר׳ן, איז דא צו באקומען אין די געשעפטן פון ׳נר מצוה׳ זייער א פראקטישער שטיין אריינגעבויעט אין א אייזן מיט א גוטע אנכאפער.

